אָפּשטעלן זיך פֿון דעם דרויסן, דער דרויסן איז טומלדיק, אַלץ איז טומלדיק
אַן איבערטײַטשונג פֿון פֿאַרמעלדן ← סימבאָליזירן
דער ווילן זיך באַפֿרײַען פֿון ענגשאַפֿטלעכע זאַכן: פֿון גרויסן תכלית־זײַן
די פֿרוי די אײַנע פֿאַרגלײַכט מיט אים: די IMAGO פֿון גרויס שעפֿערישקייט, וואָס מאַכט געפֿינען זײַן טאַטיקייט

מיכל ליכט

ליד

שוין ביים שוועל, פון־יענער זייט טיר,
שפּאַנט מיט, אריינוועגס, דער קאַלער דרויסן
(אַנומלמיקער בוהאַי, אומדערבאַרימלעך אַ שטיר,
פון פערוויסקעס אנטמאנט, פאַרנייגט, צעשטויסן).
גרינגער ווערט איצט יעדער שאַר און ריר.
מ'איז קיין שום זאַך, סיידן אלקער אויסן.

נון, צעפּראַלט אַריינגאַנג מיט אַ סקריפּ,
אַ גרילץ: אָפּהילכנדיקער ברוך־הבאָ
(דער שטיר פּאָרקעט מיט פאַרדריפּעטע טלאָ
אין טראַקטאָוון קרעמען, שאַרפּט זיי פאַר אַ ריפּ).
פאַרסאָפּעט מיט אָנאָטעמדיקן זשיפּ
אָנט מען אונטערטעניק אינעווייניק דאָ:

די געשטאַלט פֿון אומבאַהאָלפֿן

דעם שאָטן. — ער נאָכגענגלט איינמאָסיק, אָן הוד,
לינקס אַ טראַנץ, רעכטס־צו אַ באַוועג
(יזפּיטער טאָר ניט, אַ 'שטיר מעג —
בפרט ווען ס'פלאַטערט רויטער טוך);
באַגלייט פאַלצעטאָ יעדן שאָרד און סקרוך
פון אַוועקשמייענדיקע מיילעך: טעג.

אויסטוענדיק דעם 'ראָק, טוט זיך דאָס ניט אָפּ
אַז האַפּט פון טעאָריע באַזינט אָפּט מאַטעריע.
(וואוהין ז'דער שטיר פאַרקראָכן?)
פאָרזיכטיקער נאָכקלער שטעלט אַזוי דעם טראָפּ:
קעגן אינערלעכע פליכטן, דרויסנדיקע יאָכן,
שירמט ניט שטויביקע היסטאָריע, נאָר שטוביקע היסטעריע.

אין אַלקער, גוט־געמיטיק, פאַרגעסט־זיך שוין
(פון שטירס אָנמאַכטיקייט דער תוכן)
אין יוגנטס העל בלאָנד, אין עלטערס שטאַר גראָ —
דאָך ווי ליב דער אומאָפּווענדבאַרער לוין!
מחמת קעגן פאַרפּוטשעווטע טעג־ן־וואָכן
באַשטייט, ווי אַ גדולה, די ראַיעלע שעה.

הוים. הוים. — און דו, ברודיקער באַשיידער,
שרדה אין פיר איילן גרענעצדיק דאַזיין
(דער שטיר איז אויס־זיך: אים געגזלט
לאַנקע, פּאַשע, טעלעצעס, מאַליאַס כסדר)
וואו, ניט „איפרא דיג."״, וועבט זיך דין און פיין
פריוואַט אַ פיצל וועלטל, אומזיכער, בלאַס געפענזלט.

ווינקל אויסגעריטמט צום האַרצקלאַפּ פון פאָ טשן
אין לאַנד וואו פראָקלאַמאַציעס ווערן גראַוורט
אין אידעאָגראַפישן געציקל (פאַרטאָן אין פלירט
דער שטיר מיט אַן אויסמאַרודעוועטער קו).
לויב אייך, יואַן טשען, לי פאָ, אריאנג סיו
פאַר מוסטערן דערפאַרונג דורך זימלעכקייט פילטרירט.

ווענט, די מאָוולען צווישנוואו ליד הוילט אין בוך,
די שורה ווי אַ פייל אין בויגן פונם ליד
(בוּמאָל געלונגט דער דאַנקלאָזער פאַרזוך
דעם שטיר צו ברענגען אויף יאַריד);
פון דעליקאַטסטן צונג־געלענק אַן איבערברוך
היילט פרימע וואָרט אין געדאַנקס סובטילסטן גליד.

אַזאַ האַרבעריק הילט יערונג, רייפט חושים
פאַר דרויסן פון שוין גאָר אַן אַנדער מין
ווען אויסגעפוצט — אַז גאָט טוט אים אַ בענטש! —
(דער שטיר צעפּאָכט די נאָזדרעס אויפן עזרת־נשים
אין בוים, בלום, קלעטערפלאַנץ, אַרום פאַרענטש:
קאָמילפאָ פון „זיין" איז שעטנז'דיק געזין.

און תכלית טוט אַ ברעך דעם צוואַן,
און טערפּקייט לינדערט האַרבן פיין,
און אַ פרשה חומש, צי אַ סורא אין קאָראַן,
ניכטערט, רייניקט ווי אַ שוימיק אַלטער וויין,
און מתיקות, הדוה, חסד פלייצן דורך די שפּונטן
וואָס צאַמען געוועקסטע פעסער אין קעלטער גרונטן —

איצטער ערשט רייסט דער שטיר, געטלעכער פראַפּאַן,
זיך צו זיין שאַטינער אין שמאַלכל אַריין!
פאַרגאַנגען די מינוט פון אונטערשיידן אין געווימל
צווישן איינזאַמקייט אין שאָטנדיקן הויז
און מערזאַמקייט אונטערן הימל
און לעבן בליט, וועלקט, ווי אַ ווערמדיקע רויז.

* * *

די פֿאָרם — זימזמאָדיק — Sonnet-form

די אַנטוויקלונג פֿון אַרטיסט

און פסיכאָלאָגיע וועט ווערן פון אים אַ מאַרסעל פּרוסט; אַ קינסטלער וואָס קען געשיכטע און געשיכט־פילאָזאָפיע, די קונסטן, ליטעראַטורן און וויסנשאַפטן, וועט פון אים ווערן אַ באַלזאַק, אין וועלכע ס'איז ניט שולע.

און דאָס, און ניט קיין אַנדערע זאַך, איז דער סוד פון אמתער גרויסקייט.

י. י. זינגער האָט זיך באַלד איינאָנגעהייב פאַרנומען אויפן גרויסן שטייגער; ער האָט געהאַט אונטער זיך אַ גרויסע אידישע און איראָפּייאישע ירושה, נאָר עפעס האָט זיך

אים געשטעלט אין וועג. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט באַדאַרפט צאָלן צופיל צינדזן. קונסט פאַרלאַנגט דעם גאַנצן געוויסן פון אַ קינסטלער. דורך זיין צוויט געשטאַלט האָט ער פאַרפעלט צו זען די גרעסטע פאַסירונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וועלכע האָט דאָס ערשטע מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אָפּגעשאַפט קאַפּיטאַליזם, און האָט אַוועקגעשטעלט ווי אַ קרוין־פּרינציפּ די פולשטענדיקע באַפרייאונג פון פעלקער, און צווישן זיי — די באַפרייאונג פון דעם אידישן

פאָלק.

„חבר נחמן" איז אפשר א פלעק אין זינגערס בריליאַנטענער קרוין.

דער טויט האָט געהאַט דאָס לעצטע וואָרט, און מיט זיין שרעקלעכער טאַט האָט ער איבערגעריסן אַ שעפעריש לעבן. אין מיט פון איר פלייסיקער און ווייטערדער ארבעט; אין דער „משפחה קאַרנאָווסקי" האָט ער אָנגעהויבן אַ קאַמף מיטן פינצטערן, ברוטאַלן נאַציזם:

חבר על דאבדין ולא משתכחין.

וואָס איז ראַפּסאָדיש, אימפּרעסיאָניסטיש, עס לאָזט זיך מאָלן